# חשוב'ע שוועסטער

איר האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגן קידוש השם דורך אייער אויספאלגן דעם פסק פון די רבנים הגאונים שליט"א נישט צו גיין אנגעטוהן אין די שייטלען וועלכע האבן א חשש תקרובת עבודה זרה, איר האט געהאט מסירות נפש ארויסצוגיין אין גאס בלויז מיט טיכלעך.

היות עס זענען פאראן סוחרים וועלכע פארזיכערן אז זייערע שייטלען קומען נישט פון אינדיע, וואס חוץ פון דעם וואס **זיי זענען נישט באגלויבט**, אזוי ווי די רבנים הגאונים שליט"א האבן גע'פסק'נט.

## דארפן מיר וויסן אז אנצוטוהן די היינטיגע HUMAN HAIR אדער CUSTOM MADE שייטלען איז פונקט אזוי פארבונדן מיט הארבע איסורי דאורייתא.

די גדולי הרבנים שליט"א שרייבן אין זייער קול קורא אז אויף די סארט שייטלען וועלכע זעען אויס אינגאנצן ווי אייגענע האר איז נישט פאראן קיין שום היתר און **עס איז אסור בהחלט**, און אז די פרוי וואס גייט דערמיט איז **עוברת על דת יהודית.**

**און אזוי האבן גע'פסק'נט די פריערדיגע גדולי ישראל.**

אין שו"ת **חסד לאברהם** אהע"ז סי' פ"ז:

> לענ"ד איז דא דערביי א **איסור דאורייתא**, ווייל עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז ממש אייגענע האר אדער פרעמדע האר וואס זעט אויס ווי אייגענע.

שו"ת **שערי טוהר** בסופו:

> כל שכן היינטיגע צייטן וואס מען פאררעכט די האר פון דעם שייטל עס זאל אויסזען פונקט ווי אייגענע האר, אזוי ווי די אויסגעלאסענע, **איז עס זיכער אסור מן התורה**.

שו"ת **מנחת אלעזר** חלק ה' סימן ל"ה:

> א שייטל וואס זעט אויס ממש ווי האר איז **אסור מן התורה.**

**און די זעלבע שרייבן אלע פוסקים.**

די פוסקים רעכענען אויס צוויי לאווין דאורייתא ביי אנטוהן א שייטל, ובפרט א שייטל וואס זעט אויס ממש ווי האר: (1) **ופרע את ראש האשה.** (2) **ובחקותיהם לא תלכו.** חוץ מערערע איסורי דרבנן.

חוץ די זיבן מצות עשה און צען מצות לא תעשה וואס די פוסקים רעכענען אויס אויף אנטוהן מלבושי פריצות אין אלגעמיין, וואס די סארט שייטלען זענען נכלל אין דעם.

**דעריבער אז עס איז אראפגעקומען אן התעוררות פון הימל בנוגע דעם איסור עבודה זרה, דארף די זעלבע התעוררות אונז ארומנעמען בנוגע עובר זיין אזויפיל איסורי דאורייתא און איסורי דרבנן.**

ובזכות שמירת גדרי הצניעות זאלן מיר אויסגעלייזט ווערן במהרה אזוי ווי די גמ' זאגט בזכות נשים צדקניות שלא שינו שמם לשונם ומלבושם נגאלו אבותינו ממצרים, און מיר זאלן במהרה זוכה זיין צו ביאת גו"צ בב"א.